בס"ד ע"י
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

# הליכות החיים

מטו"מ - דברים | שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון תפ"ה

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל


**גליון זה נתנדב**

לז"נ האי איש טוב ומטיב בצדקת פזרונו, ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, האיר פנים לעזור למען הזולת בלב ונפש בדרכיו הנעימים

**הרה"ח ר' יקותיאל ב"ר שלמה יחיאל מיכל ע"ה ראזנער**

**לקראת יום היארצייט ביום שב"ק ר"ח אב**

יהא זכרו ברוך

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יהיו לעילוי נשמתו, ויה"ר שימליץ טוב בעד כל בני משפחתו,
שיזכו לבריות גופא ונהורא מעליא עם כל ההשפעות טובות בגשמיות וברוחניות

# הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (מא)

### פלייש און וויין ביי שלש סעודות

**שאלה: פרויען וואס האבן נאכנישט געבענטשט שבת פון שלש סעודות און זייערע מענער האבן שוין געדאווענט מעריב, מעגן נאך עסן פלייש און טרינקען וויין?**

**תשובה:** מען מעג עסן פלייש און טרינקען וויין שבת ביי שלש סעודות אפילו עס איז שוין נאכט, ווילאנג מען האט נאכנישט געבענטשט. אזוי אויך פרויען מעגן עסן פלייש ביי שלש סעודות אפילו די מענער האבן שוין געדאווענט מעריב.

### הלכות פון וואשן וועש

**שאלה: וואס זענען די הלכות לגבי וואשן וועש אין די ניין טעג?**

**תשובה:** מען טאר נישט וואשן קיין וועש אין די ניין טעג אפילו אָן זייף, אפילו אויב מען וויל עס אנטון ערשט נאך תשעה באב.

#### א קלייד וואס איז שמוציג געווארן

א קלייד וואס איז שמוציג געווארן אויף עטליכע פלעצער מעג מען אפפוצן, און בשעת הדחק מעג מען אויך אפוואשן מיט וואסער די פלעצער וואס זענען פארשמוצט.

#### אויב מען פארט אוועק

אזוי אויך, אויב מען פארט אוועק ערגעץ אויף עטליכע טעג, טאר מען נישט וואשן דארט קיין וועש, דערפאר זאל מען מיטנעמען גענוג וועש פאר די אלע טעג וואס מען וועט זיין דארט.

#### ביגלען און צוזאמענלייגן קליידער

אבער מען טאר נישט ביגלען קיין קליידער, אפילו אויב מען האט עס געוואשן פאר די ניין טעג און אפילו אויב מען האט עס שוין געטראגן.

מען מעג צוזאמענלייגן וועש אין די ניין טעג.

#### איבערמאכן א שטריימל

מען טאר נישט איבערמאכן א שטריימל אין די ניין טעג.

### וואשן וועש דורך א גוי

**שאלה: מעג מען אין די ניין טעג וואשן וועש דורך א גוי?**

**תשובה:** אלעס וואס עס איז אסור אין די ניין טעג, איז אסור אויך דורך א גוי. (זע ווייטער בנוגע ערב שבת.)

### וואשן וועש פאר קליינע קינדער

**שאלה: מעג מען וואשן וועש פאר קינדער?**

**תשובה:** מען מעג וואשן וועש פאר קינדער וואס האלטן זיך נישט ריין, ד.ה. געוועהנליך ביז זיבן יאר.

## פארמערן אהבת חנם

אין דער באוואוסטער הייליגער תפילה פון רבי'ן ר' אלימלך זצ"ל בעטן מיר, "אדרבה שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם חלילה". יעדער מענטש האט זיך זיינע עניינים אויף וועלכע ער דארף ארבעטן און וואס ער דארף מתקן זיין, און ווילאנג מען געפינט זיך דא אינעם עולם המעשה איז קיינער נישט בשלימות. די בקשה וואס מיר בעטן, איז אז מיר זאלן קענען זען אינעם חבר דעם גוטן חלק, די מעלות טובות, דעם ריינעם רצון זיינעם צו דינען השי"ת; און נישט זיינע חסרונות, חלילה. און עס איז דא ביי יעדן איינעם גוטס. יעדער איינער האט אין זיך פיל גוטע מעלות.

וועגן דעם ענין, ווי ווייט עס זענען דא, און וויפיל מיר דארפן זען צו דערקענען אין א צווייטן זיינע גוטע מעלות, האט א חשוב'ער מגיד שיעור פון ארץ ישראל דערציילט א שיעור די פאלגנדע געשיכטע:

"ל"ג בעומר תשפ"א - דאס איז א טאג וואס קיינער פון אונז וועט נישט פארגעסן. יענעם טאג האט דער רבוש"ע צוריקגענומען צו זיך פינף-און-פערציג טייערע נפשות, וועלכע זענען טראגיש אומגעקומעןביים אתרא קדישא אין מירון, צום גרויסן צער פון אחינו כל בית ישראל איבער דער גארער וועלט.

"מיר זעלבסט האט יענעם טאג אפגעווארט א פערזענליכע שווערע בשורה, אז מיינער א תלמיד, א חשוב'ער בחור אין זיינע בליענדע יארן, איז ליידער אויך געווען צווישן די אומגעקומענע, ווערנדיג צעדריקט אין דעם שרעקליכן געדראנג וואס האט זיך געשאפן ביים ציון הק'. איך האב פארשטאנען אז ווי דער סדר איז, וועל איך דארפן דעם תלמיד מספיד זיין אויפצומארגנס ביי זיין לוי'.

"אויסער דעם צער פון זען ווי א יונגער תלמיד, וואס קוים נעכטן איז ער געווען געזונט און פריש, און יעצט ווערט ער באגלייט צו זיין אייביגער רו פון איין טאג אויפ'ן אנדערן, האב איך אויך געהאט פאר זיך א שווערע דילעמע, וואס צו זאגן אויף דעם תלמיד ביים הספד. איך וועל עס ערקלערן מיט איין ווארט: איך האב געפילט ביי זיך אז ליידער האב איך נישט וואס צו זאגן.

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האי גברא יקירא

**הרב ר' מאיר ב"ר צבי מנחם ז"ל רייכבערג**

אשר הי' דוגמא של אהבת תורה בניצול כל רגע פנוי ללמוד וללמד לאחרים בשיעוריו המתוקים, ושמחת החיים להאיר פנים ולהשפיע שמחה לכל סובביו בכל הזמנים

**במלאות השלשים לפטירתו - ביום כ"א תמוז**
**יהא זכרו ברוך**

אויך קען מען מקיל זיין פאר קינדער ביז די צען יאר וואס מאכן זיך כסדר שמוציג (דעם יאר, וואס די גאנצע וואך פון די ניין טעג איז נישט אין דער וואך פון תשעה באב), אבער מען טאר נישט ביגלען פאר זיין קיין קליידער.

ווען מען וואשט וועש פאר די קליינע קינדער, טאר מען נישט צולייגן וועש אויך פאר עלטערע.

## א בגד וואס וועט קאליע ווערן

**שאלה: א בגד וואס איז שמוציג געווארן אין די ניין טעג, און עס וועט קאליע גיין אויב מען וואשט עס נישט אויס, מעג מען עס אויסוואשן?**

**תשובה:** מען קען מקיל זיין, וויבאלד עס איז א שאדן (דבר האבד). (אויב עס איז גענוג עס איינצואווייקן אין וואסער א.ד.ג., זאל מען עס נישט אויסוואשן.)

## אנטון און טראגן אויסגעוואשענע קליידער

**שאלה: וואס איז די הלכה בנוגע אנטון אויסגעוואשענע וועש אין די ניין טעג?**

**תשובה:** מען טאר נישט אנטון קיין פריש-אויסגעוואשענע קליידער אין די ניין טעג, אויך אויב מען האט עס אויסגעוואשן פאר די ניין טעג.

מען קען עס אבער לייגן אויף דער ערד און טרעטן דערויף מיט די שיך, אזוי אז עס זאל פארלירן די פרישקייט, און דערנאך אפפוצן און אנטון.

### זאקן און אונטערוועש

אויסגעוואשענע זאקן און אונטערוועש מעג מען אנטון, (און לכתחילה זאל מען טרעטן דערויף פאר'ן אנטון).

## אפנעמען קליידער פון די רייניגער

**שאלה: אויב מען האט געגעבן קליידער צום רייניגן און עס איז גערייניגט געווארן פאר די ניין טעג, מעג מען עס אפנעמען אין די ניין טעג?**

**תשובה:** עס איז מותר, און אויב מ'וויל עס אנטון, זאל מען צוערשט טרעטן דערויף.

אויך טאר מען נישט געבן אין די ניין טעג קליידער צו רייניגן, אפילו אויב מען זאגט יענעם אן עס צו טון ערשט נאך די ניין טעג.

## א צעריסענער טלית קטן

אויב דער טלית קטן האט זיך צעריסן א.ד.ג., און מען קען עס נישט טראגן, און מען האט נישט קיין אנדערע, מעג מען קויפן און אנטון א נייעם טלית קטן, און מען זאל עס אביסל רייבן מיט די הענט אז עס זאל פארלירן די פרישקייט.

## פרישע בעט-געוואנט פאר א גאסט

**שאלה: מעג מען לייגן פרישע בעט-געוואנט פאר א גאסט?**

**תשובה:** עס איז מותר צוליב כבוד הבריות, און אזוי אויך מעג מען אויסוואשן די בעט געוואנט אויב מ'האט נישט קיין אנדערע. און עס איז ריכטיג אז מ'זאל טרעטן דערויף פארן נוצן דאס ערשטע מאל.

אזוי אויך, איינער וואס שטייט איין אין א האטעל, זאל טרעטן אויפן בעט-געוואנט פארן נוצן דאס ערשטע מאל, און מ'זאל בעטן נישט צו איבערטוישן דאס בעט-געוואנט אין די אנדערע טעג.

## ארגאניזירן די קאבינעטן אין קיך א.ד.ג.

**שאלה: איך וויל שוין פון לאנג אן ארגאניזירן די עסן-שאפעס (קאבינעטן) ביי מיר אין קיך, און יעצט אין די ניין טעג האב איך מער צייט. מעג מען דאס טון אין די ניין טעג?**

**תשובה:** עס איז מותר, און אזוי אויך מעג מען ארגאניזירן אלע אנדערע ערטער אין הויז (עי' שו"ת חייה"ל ח"י סי' עה).

## מאכן בילדער

**שאלה: מעג מען מאכן בילדער אין די ניין טעג?**

◄

"דער יונגער בחור'ל איז געווען אזא סארט תלמיד וואס האט צום באדויערן נישט געברענגט זיינע עלטערן און מחנכים קיין איבעריג נחת. אין זיין יונגן עלטער, האט ער שוין געהאט אפגעמוטשעט די מלמדים און מגידי שיעורים. זיין לערנען, ווי זיין דאווענען און התנהגות איז נישט געווען ספעציעל אויסגעצייכנט, און דאס זאג איך זייער מילד. געווען איז ער א טיפ בחור וואס האלט פארנומען די מגידי שיעורים, און דווקא נישט מיט'ן פרעגן פשט אין דער גמרא, אדער אויסקלארן א קשיא אין תוספות.

"און דא ביים געזעגענען זיך מיט דעם תלמיד אויף אייביג, וועל איך דארפן זאגן אויף אים א הספד.

"וואס זאל איך דען זאגן? זאל איך רעדן פון זיין התמדה, דאווענען, מדות טובות? זאל איך רעדן סתם אזוי, אן קיין אמת'ע געפיל פון הארצן? אבער דאס איז דאך נישט קיין הספד, וואס דארף ערוועקן די הערצער פון די ארומיגע. זאל איך בעסער נישט רעדן? מען וועט דאך מיר אבער בעטן צו רעדן, און ווי קען איך צוגעבן נאך מער צום שרעקליכן צער פון די צעבראכענע טאטע-מאמע?!

"אזוי טראכטנדיג מיינע פארצווייפלטע מחשבות, איז מיר פלוצלינג אויפגעקומען אין זכרון אן עפיזאד, ווי איין טאג איז דער בחור צוגעקומען צו מיר און דערציילט בשמחה רבה אז עס איז אים געלונגען איין טאג צו לערנען כמעט צוויי שעה אין איין צי! ער האט גערעדט פון די כמעט צוויי שעה וואס איז אים איין מאל געלונגען מיט אזא שמחה, אז מען האט געזען ווי ער שפירט דעם 'קרבת אלקים לי טוב'.

"די זכרונות האבן זיך מיר ווייטער געמישט, און איך האב זיך דערמאנט, ווי איינמאל אין א מינוט פון אמת, האט דער בחור מיר אנטפלעקט, ווי שטארק ער איז באמת מקנא די בחורים וואס דאווענען ערליך און שפירן א הנאה אינעם דאווענען; הלוואי וואלט דאס ביי אים אויך געווען אזוי!

"אזוי זענען מיינע מחשבות ווייטער געלאפן, און פלוצלינג האב איך אנגעהויבן זען פאר זיך א בחור וואס איז גארנישט געווען אזא 'גארנישט' ווי איך האב ביז היינט געמיינט. איך האב געזען זיין פנימיות, זיין הארץ וואס האט געלויכטן אין אים, דעם אינערליכן רצון און תשוקה וואס האט געברענט אין אים צו זיין נאענט צום אויבערשטן.

"און אזוי האב איך דעם זעלבן בחור, וואס איין שעה צוריק האב איך געמיינט אז עס איז נישטא וואס צו טרעפן אין אים ווייל ער איז נישט געווען אין ארדענונג, געטראפן יעצט מיט כאטש צען מעלות וואס האבן ארויסגערופן אין מיר התפעלות. איך האב געטראכט צו זיך, אז עס איז ממש ווייטאגליך אז איך האב דאס

**מדור זה נתנדב**

לז"נ מורי ורבי הגאון הצדיק המפורסם
**רבי משה בהג"ר אברהם זצ"ל שטערן**
**גאב"ד דעברעצין - בעל שו"ת באר משה**
מגדולי עמודי ההוראה אשר האיר פני תבל בפסקיו והוראותיו בקדושה ובמידת טובו ואהבתו הסמיך והעמיד לגיון של רבנים ומורי צדק מובהקים הממשיכים דרכו בהלכה לדורות אחריו
**יא"צ ב' אב - יהא זכרו ברוך**

**תשובה:** מען מעג כאפן בילדער אין די ניין טעג, און אויך מעג מען "דעוועלאפען" די בילדער, אבער מען זאל נישט אנטון ספעציעלע שיינע קליידער א.ד.ג. צו נעמען די בילדער דערמיט.

## קאכן אין א פליישיגן טאפ

**שאלה: מעג מען קאכן אין די ניין טעג א פארווע געקעכטס אין א פליישיגן טאפ?**

**תשובה:** עס איז מותר, און אויב מען האט גענוצט דעם טאפ אויף פליישיגס וויניגער ווי פיר-און-צוואנציג שעה צוריק, טאר מען נישט עסן דעם פארווע מאכל צוזאמען מיט מילכיגס; אבער פאר׳ן מילכיגס אדער נאכ׳ן מילכיגס איז עס מותר אפילו אין דער זעלבער סעודה.

אויב מ׳האט נישט גענוצט דעם טאפ אויף פליישיגס אין די פיר-און-צוואנציג שעה, מעג מען עסן דעם פארווע מאכל אפילו צוזאמען מיט מילכיגס, אבער אויב מען ווייסט לכתחילה אז מען וועט עס עסן מיט מילכיגס, זאל מען עס נישט קאכן אין א פליישיגן טאפ.

## גרעיפ-דזשוס-אייסעס פאר קינדער

**שאלה: מעג מען עסן גרעיפ-דזשוס-אייסעס אין די ניין טעג** (וואס מען טאר נישט טרינקען קיין וויין)?

**תשובה:** מען טאר נישט, אפילו אויב מען מישט אריין וואסער, ווילאנג מען פילט דעם טעם פונעם גרעיפ דזשוס.

אזוי אויך זאל מען נישט אריינלייגן וויין אדער גרעיפ דזשוס אין געבעקסן און געקעכטסן אויב מען שפירט דעם טעם דערפון (ולכתחילה לא יתן בהם יין כלל).

### ביר און בראנפן

ביר אדער בראנפן מעג מען טרינקען אין די ניין טעג.

## אויב מ׳האט געמאכט א ברכה אויף וויין

**שאלה: אויב מען האט פארגעסן אז מען טאר נישט טרינקען וויין אדער גרעיפ דזשוס אין די ניין טעג און מען האט געמאכט א ברכה און זיך געכאפט פאר׳ן טרינקען, וואס זאל מען טון?**

**תשובה:** מען זאל טרינקען א קליין ביסל אז עס זאל נישט זיין קיין ברכה לבטלה.

דאס זעלבע איז אויך אויב מען האט געמאכט א ברכה אויף פליישיגע טשאלנט, צ.ב.ש. ערב שבת, אז מען זאל עסן א קליין ביסל.

## ריניגן מיט א וואקיום-קלינער אדער וואשן די פלאר

**שאלה: מעג מען ריניגן מיט א וואקיום-קלינער אדער וואשן די פלאר אין הויז אין די ניין טעג?**

**תשובה:** מען מעג אויסקערן סיי מיט א בעזעם און סיי מיט א וואקיום-קלינער, און אויב עס איז שטארק שמוציג מעג מען אויך וואשן די פלאר מיט וואסער און אביסל זייף.

"וועקסן" די פלאר טאר מען נישט.

### וואשן פענסטער, אפגלאנצן מעבל, פוצן זילבער

מען מעג שפריצן "ווינדעקס" א.ד.ג. אויף א פענסטער וואס איז שמוציג.

מען זאל נישט מאכן גלאנצן מעבל מיט א ספעציעלן זייף וואס איז געמאכט דערפאר, און אזוי אויך זאל מען נישט פוצן קיין זילבער.

זילבערנע כלים וואס מען דארף אויף שבת קען מען אפוואשן מיט א שמאטע, אבער נישט אויסגלאנצן.

## זיך ארומוואשן אין די ניין טעג

**שאלה: וואס איז די הלכה לגבי זיך ארומוואשן אין די ניין טעג?**

מען טאר זיך נישט וואשן דעם גאנצן גוף אין די ניין טעג אפילו מיט קאלט וואסער.

◄

נישט געכאפט ביז יעצט, און עס האט ליידער געדארפט קומען צו א הספד אז איך זאל אנערקענען וואספארא טייערער בחור ער איז געווען.

"דאס האט מיר דערמאנט א טייטש אין די ספרים הק׳: 'והוי דן את כל אדם לכף זכות' - אויב מען וויל קענען דן זיין יענעם, אפלערנען ריכטיג א צווייטן, דארף מען קוקן אויף׳ן גאנצן מענטש זען און טרעפן אין אים דאס גוטס, וואס יעדער איד פארמאגט דאך אזויפיל דערפון.

"ליידער, ליידער - האב איך געטראכט צו זיך מיט גרויס צער - האב איך, אזוי ווי נאך פיל אנדערע ארום אים, אים קיינמאל נישט געגעבן די אנערקענונג און שעצונג וואס ער האט אזוי שטארק געדארפט, און מיט א בליק אויף צוריק, זיך עס ריכטיג פארדינט. ווער ווייסט וויפיל עס וואלט אים געקענט העלפן, ווען מען זעט איין און מען מאכט אים פילן זיין אמת׳ע חשיבות. ווי עס גייט דאס שפריכווארט, 'אחרי מות - קדושים'. ערשט יעצט, ווען ער איז שוין נישטא מיט אונז, זעט מען די מעלות, וואס מען וואלט פריער שוין לאנג געדארפט וויסן און אפשאצן."

*

"און יעצט, טייערע אידן," דערציילט ווייטער דער מגיד שיעור, "הערט דעם המשך פון דער מעשה: עס איז אריבער א ווייל, און מען רופט מיר אן מיט א בשורה טובה: **דער בחור לעבט!** דער טייערער בחור, מיט אזויפיל גוטע און אויסגעצייכנטע מעלות, וואס איך האב געמיינט אז מען דארף שוין זאגן אויף אים 'עליו השלו' איז, ברוך ה׳, בין החיים.

"עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז אין דער מורא׳דיגער בהלה וואס איז פארגעקומען ביים ציון, האט מען געמיינט אז אויך דער בחור איז געווען דארט און האט עס ח"ו נישט איבערגעלעבט, אבער צו יעדנ׳ס פרייד האט מען אים געטראפן לעבעדיג, געזונט און פריש.

"מען קען זיך אוודאי נישט פארשטעלן די שמחה וואס איך האב געהאט הערנדיג די גוטע בשורה, אז 'עוד יוסף חי'... מיין תלמיד איז, ברוך ה׳, דא מיט אונז, און יא, איך קען נאך מתקן זיין דאס, וואס איך האב געמיינט אז איך האב שוין פארפאסט און כ׳וועל עס מער קיינמאל נישט קענען פארריכטן.

"ווי גרויס איז געווען מיין שמחה, ווען איך האב אים טאקע שפעטער געטראפן! איך האב אים געגעבן די האנט און זיך געפריידט מיט אים ווי א טאטע צו א קינד. עס האט זיך אנגעהויבן א נייער קשר צווישן אונז, און זיין התעלות האט נישט געשפעטיגט צו קומען.

"די מעשה האט מיך אויסגעלערנט א כלל אינעם צוגאנג צו די תלמידים," האט דער מגיד

**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידנו ותומכנו היקר הנדיב הנכבד
העומד לימיננו במסירות נאמנה לזכות את הרבים
**הרה"ג ר' יוסף דוב לאנדא שליט"א**
**אב"ד בית אברהם זלאטשוב**
**לז"נ אביו הרבני החסיד הנעלה**
**הרה"ח ר' אברהם אליעזר**
**ב"ר טובי' ז"ל**
נפטר ביום כ"ז תמוז - יהא זכרו ברוך

מעג מעג וואשן דאס פנים, הענט און פיס מיט לוילעך וואסער, אבער מיט ווארעם וואסער טאר מען נישט אפילו א חלק פונעם גוף. (זע ווייטער די הלכות פון זיך וואשן אין ערב שבת.)

### וואשן פאר רפואה

דער איסור איז נאר זיך וואשן פאר הנאה, אבער פאר רפואה אדער אפוואשן שמוץ איז מותר.

אזוי אויך אויב מען האט פימפלען אויפ'ן פנים, מעג מען זיך וואשן דאס פנים מיט ווארעם וואסער און זייף.

אויב דער קאפ קראצט שטארק אדער מען האט שופן ("דענדראפס") א.ד.ג. און עס איז אומבאקוועם, קען מען וואשן דעם קאפ.

אזוי אויך איינער וואס האט א וואונד אויפ'ן קערפער און עס קומט בלוט א.ד.ג., קען מען וואשן דעם פלאץ און ארום מיט ווארעם וואסער.

### וואשן געשיר מיט ווארעם וואסער

מען מעג וואשן געשיר מיט ווארעם וואסער, כאטש די הענט ווערן אויך געוואשן, ווייבאלד מען האט דאס נישט אינזין.

אויב די הענט זענען שמוציג געווארן, מעג מען אפוואשן דאס שמוץ מיט זייף און ווארעם וואסער.

### זיך נישט זוימען אין מקוה

מען דארף אכטונג געבן זיך נישט צו פארזוימען אין מקוה, ווייל דער היתר צו גיין אין מקוה אין די ניין טעג איז נאר זיך צו טובל'ען אבער נישט זיך פארזוימען אין וואסער.

שיעור אויסגעפירט. "מען דארף נישט ווארטן אויף קיין אומבא'טעמ'טע דערמאנונגען ח"ו איינצוזען דאס גוטס אין יעדן. מיר האבן ב"ה די זכי' אז די טייערע פרחי כהונה לעבן מיט אונז, זאלן זיי אלע זיין געזונט און מאריך ימים ושנים זיין - לאמיר טרעפן אין זיי, אין יעדן איינציגן פון זיי, דאס גוטע, דאס ליכטיגע און שיינענדיגע; עס וועט זיי אויפלייכטן! עס וועט זיי נאר ברענגען נענטער צום באשעפער און העלפן וואקסן און שטייגן, ביז'ן אויסשטייגן בעז"ה לשם ולתפארת.

"די נקודה איז געזאגט געווארן נישט נאר פאר מחנכים, נאר טאקע פאר יעדן פון אונז. 'שנראה כל אחד מעלת חברינו' - טרעפן אין יעדן איד דאס גוטס, דעם 'חלק אלק ממעל', וואס דאס איז בעצם דאס פנימיות פונעם מענטש. דער רצון פון יעדן איד איז צו זיין גוט."

*

אין די יעצטיגע טעג, ווען מיר טרויערן אויפ'ן בית המקדש וואס איז חרוב געווארן בעוון שנאת חנם, איז די ריכטיגע צייט מעניינא דיומא צו פארמערן אהבת חנם און זען די מעלות פון יעדן איד. אין דעם זכות זאלן שוין דאס בית המקדש אויפגעבויט ווערן במהרה בימינו אמן.

## שנראה כל אחד מעלת חברינו

לכבוד מכון הליכות החיים,

אינעם ספר "אדרבה תן בלבנו" ווערט דערציילט א מעשה וואס דער אסטראווצער רבי זצ"ל האט דערציילט פאר זיינע חסידים:

אין דער שטאט ראדאם אין פוילן האט מען געזוכט א רב, א גדול בתורה און יראת שמים, ווי עס פאסט זיך פאר אזא שיינע און בארימטע שטאט וואס האט גע'שמ'ט אין דער גאנצער אידישער און חסידישער וועלט.

עס זענען געווען זיבעציג קאנדידאטן, חשוב'ע רבני'שע פערזענליכקייטן, יעדער פון זיי א גרויסער רב אין זיין ארט, וועלכע האבן זיך פארמאסטן אויף דער רבנות-שטעלע. די פרנסים פון ראדאם האבן זיך אבער שטארק געקליבן און אפגעזאגט איינעם נאכ'ן אנדערן. צום סוף זענען געבליבן אויף דער ליסטע די נעמען פון בלויז צוויי רבנים, ביידע גרויסע גאונים און אנערקענטע גדולי תורה.

איינער פון די צוויי רבנים איז געווען הגאון רבי אליהו ליפשיץ זצ"ל, דער רב פון דער שטאט גריצע אין פוילן. ער איז געווען א תלמיד פונעם פריערדיגן אסטראווצער רבי'ן הרה"ק רבי מאיר יחיאל זצ"ל, דער באקאנטער "אסטראווצער גאון".

די ראדאמסקער ראשי קהילה האבן איינגעלאדן די ביידע רבנים באזונדער צו קומען

⮜



**גליון המוגדל נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד העומד לימיננו במסירות נאמנה לזכות את הרבים

**הרה"ח ר' אליעזר ישעי' בידערמאן הי"ו**

לרגל השמחה במעונו באירוסי בתו **הכלה החשובה** תחי'

עב"ג הבחור החתן כמר **יוסף** נ"י בן ידידנו מוה"ר **אנשיל אונגער** הי"ו בשעטומ"צ

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל בהלכה למעשה, שמים שחרב ביהמ"ק אין לו להקב"ה אלא ד' אמות של הלכה, יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות ולרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא

### אפוואשן בארד און פיאות

מען מעג אפוואשן די בארד און פיאות אז עס זאל זיין צוזאמענגענומען.

### איינער וואס ארבעט אונטער דער זון א.ד.ג.

איינער וואס ארבעט א גאנצן טאג אונטער דער זון און ווערט שטארק פארשוויצט און עס איז אים שטארק אומאנגענעם, זאל ער פרעגן א שאלה וועגן זיך ארומוואשן, אבער אין אן עפנטליכן פלאץ איז דאס בכל-אופן אסור.

### באדן קינדער

קינדער ביז זעקס-זיבן יאר אלט וואס ווערן שטארק פארשוויצט מעגן זיך באדן אין די ניין טעג. עלטערע קינדער וואס עס פעלט זיי שטארק אויס, זאל מען פרעגן פון א מורה הוראה.

### וואשן און טריקענען די האר

מיידלעך טארן אויך נישט וואשן די האר אין די ניין טעג. אויב עס איז "פעטיג" (oily) און עס שטערט, מעג מען עס וואשן.

מען מעג קעמען די האר און אזוי אויך טריקענען מיט א "בלאָוער".

### א "דיאדארענט"

מען מעג באנוצן א "דיאָדארענט" אין די ניין טעג און אזוי אויך תשעה באב, אוועקצונעמען דעם ריח פון שוויס.

* * *

### עטליכע שאלות בנוגע מאכן א סיום מסכתא א.ד.ג. אין די ניין טעג:

### מאכן לכתחילה א סיום

**שאלה: צי מעג מען לכתחילה מאכן א סיום מסכתא א.ד.ג. און עסן פלייש און טרינקען ווין אין די ניין טעג?**

**תשובה:** על-פי הלכה קען מען מאכן א סיום אין די ניין טעג, און אסאך צדיקים פלעגן אזוי טון.

עס זענען דאס וואס האלטן אז מען זאל זיך נישט צואיילן מסיים צו זיין דווקא אין די ניין טעג (בפרט אז וויל מען אײלט זיך פארשטייט מען אפט נישט געהעריג דאס לערנען), און אזוי אויך ברענגען אסאך פוסקים אז מען זאל נישט "אוועקלייגן" א סיום אויף די ניין טעג, אבער אנדערע האלטן אז מען קען אזוי טון.

אינעם ספר "הליכות חנוך" ברענגט ער, וואס דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע האט נאכגעזאגט פון זיין טאטן, הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, אז עס איז א כבוד התורה צו מאכן א סיום אין די טעג און עסן פלייש און טרינקען ווין, ווייל א גאנץ יאר דערקענט מען נישט אז מען עס דאס פלייש און מען טרינקט צוליב דעם סיום, אבער אין די טעג איז דאס קלאר קענטיג.

אויך ווערט געברענגט א טעם פונעם "קדושת יום טוב" זי"ע (געברענגט אין ספר "מקדש ישראל"), אז מיט'ן עסן פלייש און טרינקען ווין ווייזט מען, אז די טעג וועלן איבערגעדרייט ווערן אויף טעג פון שמחה בביאת המשיח במהרה בימינו אמן.

### מאכן דעם סיום פאר'ן אריינברענגען דאס פלייש

מען זאל אכטונג געבן צו מאכן דעם סיום מסכתא פאר מען ברענגט אריין דעם ווין

אויף א שבת אין שטאט און האלטן א דרשה פאר די שטאטסלייט, אזוי אז זיי זאלן האבן א געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט זיי פון דער נאענט און באשליסן וועלכן פון די צוויי גדולים צו ערוועלן אלס רב פון שטאט.

אין ראדאם זענען געווען אסאך אסטראווצער חסידים, וועלכע האבן זייער געוואלט אז רבי אליהו, זייער רבי'נס א תלמיד, זאל ווערן ביי זיי רב. איז זיי איינגעפאלן א גענִיאלער געדאנק: זיי האבן זיך געוואנדן צום אסטראוואצער רבי'ן מיט א בקשה אז ער זאל קומען צו זיי אין שטאט אויפ'ן זעלבן שבת וואס רבי אליהו וועט דארט ווילן, און ווען די איינוואוינער פון שטאט וועלן זען אז דער אסטראוואצער רבי ווייזט אים ארויס גרויס שעצונג, וועט דאס שוין ווירקן אז זיי זאלן אים אויך וועלן אויסקלייבן אלס רב.

דער רבי, וועלכער האט גאר שטארק פארערט זיין גרויסן תלמיד, האט איינגעוויליגט און איז געקומען צו פארן אויף שבת קיין ראדאם.

זעלבסטפארשטענדליך, אז די אסטראוואצער חסידים האבן אויפגענומען דעם רבי'ן אין שטאט מיט גרויס כבוד. דער רבי האט זיך פאראינטערעסירט ווער עס זענען די רבנים וועמענ'ס נעמען זענען דערמאנט געווארן אלס קאנדידאטן אויפ'ן שטאטישן רבנות-פאסטן, און ערשט דעמאלט האט ער זיך דערוואוסט אז עס איז געבליבן נאר איין רב אין דעם פארמעסט, אויסער זיין תלמיד.

אזוי שמועסנדיג, האט איינער פון די חסידים זיך אנגערופן: "מיר זענען זיכער, אז רבי אליהו וועט אויסגעקליבן ווערן אלס רב, היות פארגאנגענעם שבת איז געווען דא דער אנדערער רב, און ער האט געהאלטן א דרשה פאר אלע שטאטסלייט, און אינמיטן דער דרשה האט ער זיך פארהאנקערט מיט'ן רעדן, און געוויס האט דאס איבערגעלאזט אן אומאנגענעמען רושם ביי די שטאטישע איינוואוינער."

דער רבי האט געהערט די באמערקונג פון דעם חסיד און האט גארנישט געענטפערט, און מער האט ער נישט גערעדט פון דעם גאנצן ענין.

דער שבת מיט'ן אסטראוואצער רבי'ן איז געפראוועט געווארן מיט א גרויס געהויבנקייט, און דעם רבי'נס אנוועזנהייט בשעת דער דרשה פון הגאון רבי אליהו האט געמאכט א שטארקן איינדרוק אויף די פארזאמלטע. די דרשה זעלבסט האט אלעמען טיף באגייסטערט.

מוצאי שבת, בעת די חסידים זענען געגאנגען זיך געזעגענען ביים רבי'ן און אים באדאנקען פאר דער טירחא שענקענדיג זיי א באזוך אין שטאט, האט איינער פון די חסידים זיך אנגערופן צום רבי'ן, אז עס איז אנגעקומען צו אים א שמועה, אז די קהילה-פּארשטייער זענען

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האשה החשובה מופלגת בגמילות
חסדים ובמידותיה הטובות להפליא, היתה
זהירה בכבוד הבריות ובאהבת השלום עד מאוד,
וחינכה דורותיה להיזהר בקדושת בית המדרש

מרת **רחל חי' רבקה** ע"ה **קליין**
בת ר' **יצחק** ע"ה

יארצייט ביום כ"ג תמוז - יהא זכרה ברוך

הונצחה ע"י
**בני משפחתה**

און דאס פלייש, און עס איז ריכטיג אז די וואס ווילן עסן פלייש זאלן זיין דארט און הערן ווי מען איז מסיים די מסכתא.

## א מגבית צוזאמען מיט א סיום

**שאלה: איך וויל מאכן א מגבית אין די ניין טעג פאר גאר א חשוב'ן צוועק מיט אסאך באטייליגטע. מעג מען איינלאדן א תלמיד חכם צו מאכן דארט א סיום מסכתא, אז מען זאל קענען עסן דארט פלייש און טרינקען וויין?**

**תשובה:** עס איז אסור, ווייל נאר די וואס האבן א שייכות מיט דעם וואס איז מסיים די מסכתא - ד.ה. די וואס וואלטן געקומען צום סיום אויך ווען עס איז נישט אין די ניין טעג און ווען מען שטעלט נישט צו קיין פלייש און וויין, מעגן עסן דארט פלייש און טרינקען וויין.

## אהיימנעמען פלייש פונעם סיום

**שאלה: מעג מען אהיימנעמען פלייש פונעם סיום און עסן אינדערהיים?**

**תשובה:** מען מעג עסן נאר ביים סיום, נישט ערגעץ אנדערש.

## אויף וואס מען קען מאכן א סיום

**שאלה: אויף וואס נאך קען מען מאכן א סיום אויסער אויף א מסכתא, צו קענען עסן פלייש?**

**תשובה:** מען קען ענדיגן א מסכתא אין ש"ס, א גאנצע מקצוע אין שולחן ערוך, צ.ב.ש. גאנץ הלכות שבת, און אזוי אויך א גאנצן סדר משניות, צ.ב.ש. זרעים אדער מועד, אבער א מסכתא משניות איז נישט גענוג.

## א קינד וואס ענדיגט א מסכתא

**שאלה: מעג מען עסן פלייש ביי א סיום מסכתא פון א קינד?**

**תשובה:** עס איז מותר פאר אים און זיינע עלטערן און זיידעס, ווי אויך זיינע נאענטע קרובים און חברים. עס זענען דא וואס זענען מקיל ביי א קינד אפילו אויף א מסכתא משניות, אויב ער האט פארשטאנען וואס ער האט געלערנט, און מען זאל פרעגן א שאלה.

## עטליכע וואס ענדיגן א מסכתא צוזאמען

**שאלה: אויב עטליכע מענטשן האבן געענדיגט צוזאמען א מסכתא, ד.ה. יעדער האט געלערנט איין פרק אדער עטליכע בלעטער גמרא, צי קען מען עסן פלייש ביי אזא סיום?**

**תשובה:** עס דארף זיין איינער וואס האט געלערנט און געענדיגט אליין א גאנצע מסכתא, וואס דעמאלט איז דאס א גרויסע שמחה.

## א סעודת מצוה

**שאלה: ביי א סעודת מצוה מעג מען עסן פלייש און טרינקען וויין?**

**תשובה:** ביי יעדע סעודת מצוה, צ.ב.ש. א סעודת ברית, בר מצוה, פדיון הבן, מעגן די נאענטע קרובים עסן פלייש און אזוי אויך טרינקען וויין אין די ניין טעג, און אזוי אויך קען מען בענטשן אויף א כוס וויין.

די וואס לייגן תפילין איין חודש פאר דער בר מצוה און מאכן א סעודה קענען עסן פלייש אויב דער בחור זאגט דארט דאס פשעטל, און די באטייליגטע מעגן אויך טרינקען כוס של ברכה.

ביי א וואך-נאכט און א "שלישי למילה" סעודה, טאר מען נישט עסן קיין פלייש און טרינקען וויין.

* * *

## ערב שבת חזון

### עסן פלייש עש"ק

מען מעג געבן צו עסן פלייש פאר קינדער אונטער זעקס יאר ערב שבת נאך חצות, וויבאלד נאך חצות איז שוין דא אביסל פון

געוועז גאר שטארק צופרידן פון רבי אליהו'ס ערשיינונג, און ווארשיינליך וועט ער טאקע זיין דער צוקונפטיגער רב אין שטאט.

"און איך זאג אייך," האט דער רבי באלד רעאגירט אויף זיינע ווערטער, "אז א שאד די צייט און מי וואס איר לייגט אריין אין דעם אלעם, ווייל רבי אליהו וועט נישט ערוועלט ווערן ביי אייך אלס רב, נאר אין דער ענדע וועט דער אנדערער רב אויסגעקליבן ווערן!"

די חסידים זענען געווען זייער איבערראשט פון דעם רבי'נס קלארע רייד, און דער רבי האט פארגעזעצט און געזאגט: "נישט איך זאג אייך דא עפעס רמזים, נאר איך זאג דאס קלאר און דייטליך. וויסן זאלט איר, אז ביי מיר איז דאס געווען א זיכערע זאך שוין ערב שבת, ווען איך האב געהערט פון אייערע ווערטער ווי איר פריידט זיך מיט'ן אנדערן רב'ס דורכפאל, כדי צו האבן דערפון א פארדינסט. מען קען זיך אבער נישט בויען פון יענעמ'ס שאנדע, און אוודאי נישט פונעם בזיון פון א תלמיד חכם! איך האב אייך דאס נאר נישט געוואלט זאגן באלד אויפ'ן ארט, כדי אייך נישט צו פארשטערן דעם שבת."

דער רבי האט זיך אפגעזעגנט פון די חסידים און איז אהיימגעפארן, און עס איז נישט אדורך קיין לאנגע צייט, ביז די זאך האט זיך גענצליך איבערגעדרייט, און אן קיין שום קענטיגע סיבה איז דער אנזען פון דעם אנדערן רב גאר שטארק געשטיגן אין די אויגן פון די קהילה-לייט, און זיי האבן אים ווירקליך ערוועלט אויפ'ן ראדאמסקער רבנות-אמט.

דער אסטראוועצער גאון זצ"ל האט שפעטער געזאגט פאר די חסידים: "עס איז א מצוה די מעשה מפרסם צו זיין. אויב וואלט איך געווען בכח, וואלט איך אפגעדרוקט די מעשה אין א ספעציעלן קונטרס און עס פארשפרייט ברבים, אז אלע זאלן וויסן אז ווען מען זוכט זיך צו באערן מיט דער שאנדע פון אן אנדערן, איז נישטא דערין קיין שום הצלחה, נאר בלויז חורבן און שאדן."

*

איך וויל צוענדיגן מיט א נקודה וואס איז נוגע אונז אלעמען. אפטמאל מאכט זיך אז מען הייבט אן רעדן צו אנדערע מענטשן פון די אייגענע הצלחות מיט די קינדער, שידוכים, פרנסות, און מען כאפט נישט אז עס זענען דא וואס מוטשען זיך מיט'ן זעלבן ענין, ווער מיט שווערקייטן אין דער פרנסה, מיט'ן האבן געהערט נאר-וואס נישט דעם בעסטן גרוס פונעם קינד'ס מלמד, צי מיט שידוכים וואס גייען נישט ווי מ'ווינטשט זיך, און די דערציילונגען פון זיך גיט יענעם א צופ אין הארצן.

**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד

**מוה"ר אשר משה בלום הי"ו**

**לזכות ברכה והצלחה בכל מעשיו**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו שיזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

קדושת שבת, אבער פאר גרעסערע קינדער מעג מען געבן נאר נאענט צו שבת.

ערוואקסענע זאלן נישט עסן קיין פלייש ביז נאך קידוש.

די וואס זענען מקבל שבת פרי און עסן די סעודה ווען עס איז נאך טאג, קענען עסן פלייש ביי דער סעודה.

### מען האט נישט קיין אויסגעוואשענע וועש אויף שבת

אויב מען האט נישט קיין אויסגעוואשענע וועש אויף שבת, מעג מען בעטן א גויטע עס צו וואשן (מען מעג עס אליין ארײנליגן אין וואש-מאשין, און א גוי זאל עס אנצינדן). אויב עס איז נישטא קיין גוי, מעג מען עס טון אליין. אויב מען האט נייע אונטער-וועש און מען האט נישט קיין אויסגעוואשענע, מעג מען אנטון די נייע לכבוד שבת. לגבי אנדערע קליידער זאל מען פרעגן א שאלה.

### קויפן בלומען

מען מעג קויפן בלומען פאר'ן שבת טיש לכבוד שבת.

### שניידן די נעגל

מען מעג שניידן די נעגל לכבוד שבת (עס זענען דא וואס האלטן אז עס איז מותר נאר אויב מען שניידט יעדע וואך, אדער יעדע צווייטע וואך און יעצט איז די צווייטע וואך).

(אויב מען דארף גיין צום פוס-דאקטער, און עס פעלט אויס צו שניידן די נעגל, איז עס מותר סיי ווען אין די ניין טעג.)

### אנטון ריינע קליידער

מען מעג אנטון ריינע קליידער לכבוד שב"ק, און עס איז מותר שוין פון פרייטאג נאכמיטאג אויב מען טוט עס אן לכבוד שבת.

### טוישן האנטיכער

אזוי אויך מעג מען טוישן די האנטיכער און ארויפלייגן אויסגעוואשענע טישטיכער.

### טוישן ליילעכער

מען טאר נישט טוישן די ליילעכער און בעט-געוואנט.

### רחיצה לכבוד שבת

מען מעג וואשן דאס פנים און די הענט און פיס מיט הייס-וואסער לכבוד שבת, און עס זענען דא וואס זענען מקיל אויך מיט אביסל זייף.

פאר פרויען און קינדער קען מען מקיל זיין זיך צו וואשן דעם גאנצן גוף מיט לוילעך וואסער, און אויב עס פעלט אויס מיט אביסל זייף.

## שבת חזון

### תפילת שחרית

מען זאגט "אב הרחמים" נאך תפלת שחרית.

### שבת נאך חצות

שבת בייטאג נאך חצות מעג מען לערנען נאר וואס עס איז מותר צו לערנען תשעה באב.

עס זענען דא וואס זענען מתיר צו לערנען ספרי חסידות, "אור החיים" הק' און ספרי מוסר, וואס זענען מכניע דאס הארץ פונעם מענטש. (מען זאגט פרקי אבות אבער מען לערנט עס נישט.) אזוי אויך מעג מען לייענען סיפורי צדיקים.

אויב מען האט נאכנישט מעביר סדרה געווען, קען מען מעביר סדרה זיין נאך חצות.

מען גייט נישט שפאצירן פאר הנאה שבת א גאנצן טאג.

ביי מנחה זאגט מען נישט "צדקתך".

### שלש סעודות

ביי שלש סעודות מעג מען עסן פלייש און טרינקען וויין, אפילו ווער עס עסט נישט געוועגליך קיין פלייש און טרינקט נישט קיין וויין ביי שלש סעודות, און מען מעג גרייטן דעם טיש אפילו ווי סעודת שלמה המלך בשעתו.

אײ, מען דארף דאך פארגינען א צווייטן? ריכטיג, אבער צו זיין אימשטאנד זיך מיטצופרייען בלב שלם מיט א צווייטנ'ס הצלחה ווען מען פלאגט זיך אליין שווער אין דעם זעלבן ענין איז א נסיון, און נישט יעדער איז אויף דער מדריגה - ווי עס האט געזאגט איינער פון די צדיקים: אויב די תורה דערציילט דאס גדלות אויף אהרן הכהן, אז השי"ת האט געזאגט אויף אים צו משה "וראך ושמח בלבו", אהרן וועט זיך פרייען מיט דיין גרויסקייט, זעען מיר אז דאס איז גאר א ספעציעלע מעלה און חשיבות, אויך ביי די גרעסטע און חשוב'סטע. אמווייניגסטנס דארף מען נישט יענעם אריינברענגען אין דעם נסיון.

אז עס גייט איינעם ב"ה גוט און ער איז צופרידן, איז די פאסיגע צייט צו געדענקען אויך דעם חבר'ס נויט און שוועריגקייטן און זען מיט וואס מען קען אים העלפן און גרינגער מאכן.

לאמיר צוענדיגן מיט די ווערטער פונעם "חפץ חיים" זי"ע: "די ראשונים שרייבן, אז אויב איז דער חטא פון שנאת חנם געווען בכח חרוב צו מאכן דאס בית המקדש, איז אוודאי אז עס קען גורם זיין אפצוהאלטן ח"ו איר ווידער-אויפבוי.

"חז"ל לערנען אונז: יעדער דור וואס דאס בית המקדש איז נישט געווארן אויפגעבויט אין זיינע טעג, איז עס ווי דאס בית המקדש וואלט אין זיין צייט חרוב געווארן. דערפאר מוזן מיר זיך שטארקן, מתקן זיין דעם חטא און זיין געווארנט נישט געשטרויכלט צו ווערן דערין, ווייל - ווילאנג נאך וועלן מיר זיין אין גלות? עס איז דאך נישט ייתכן, אז א מענטש זאל ווארטן אויפ'ן בנין בית המקדש און גלייכצייטיג טון פעולות וואס האלטן דאס צוריק".

כדי זוכה צו זיין צום אויפבוי פונעם בית המקדש השלישי, דארפן מיר געוויס זיך מחזק זיין אין עניינים שבין אדם לחבירו, טראכטן, העלפן און זיך רעכענען מיט יענעם, און אין דעם זכות זאל שוין מקויים ווערן "ושלמו ימי אבלך" מיט דער גאולה שלימה בב"א.

*

**מיטצוטיילן ערשט האנטיגע מעשיות להנאת אלפי הקוראים, ביטע פארבינדט זיך צו דער הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכ'ן פעקס: 845-517-1692, אדער לאזט א מעסעדזש אויפ'ן טעלעפאן: 845-276-3170**

**לז"נ מוה"ר שמואל דוד ב"ר צבי פינחס הכהן ע"ה**
**ומוה"ר ישכר בער ב"ר טובי' גדלי' ע"ה**
לא השאירו אחריהם זש"ק
ונא ללמוד לעילוי נשמתם

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

**הפצת הגליון נתנדב**

לזכר נשמת הרבני החסיד הנעלה, אשר השאיר אחריו ברכה לדורות בתורת השם תמימה 'משיבת נפש'

**הרה"ח ר' מנחם מענדל ב"ר אברהם יצחק ע"ה טאמבאר**

**שימש בתור מנהל-רוחני בת"ת דשיכון-סקווירא במשך השנים תשכ"א-תשמ"ח ז"ך שנים כולם שוים לטובה**

יארצייט ביום כ"ב תמוז - יהא זכרו ברוך

**הונצח ע"י בני משפחתו**

מען מעג נאך עסן נאכ'ן בענטשן פון שלש סעודות און מען דארף זיך נישט אויסנעמען דערויף פאר'ן בענטשן, אבער אויב מען האט ארויסגעזאגט קלאר אז מען וועט מער נישט עסן, טאר מען מער נישט עסן.

### עסן און טרינקען צוליב'ן תענית

מען מעג עסן און טרינקען וואס עס איז גוט פאר א תענית, און עס איז נישטא קיין איסור פון "הכנה" (צוגרייטן אויף די וואכנטעג), אבער מען זאל נישט ארויסזאגן מיט'ן מויל אז מען עסט דאס צוליב'ן תענית.

די וואס נעמען טיילענאל, "קאפין"-טאבלעטן, "קלי צום" א.ד.ג. צו קענען גרינגער פאסטן, זאלן דאס אויסמישן פאר שבת אין א געטראנק. אויב מען האט דאס נישט געטון, קען מען דאס אריינלייגן אין א שטיקל חלה און אזוי אראפשלינגען.

### טרינקען וואסער פאר'ן תענית

אויב מען איז נישט דארשטיג און מען טרינקט אסאך וואסער אז מען זאל נישט זיין דארשטיג אינעם תענית, איז א מחלוקת הפוסקים צי מען מאכט "שהכל" און "בורא נפשות", דעריבער איז גוט אריינצולייגן עפעס זיס (צ.ב.ש. אביסל אראנדזש דזשוס א.ד.ג.) אינעם וואסער, אז מען זאל הנאה האבן פונעם טרינקען און דעמאלט קען מען לכל הדעות מאכן א ברכה.

### נאך דער שקיעה

נאך דער שקיעה טאר מען מער נישט עסן און וואשן די הענט, אבער די אנדערע זאכן פון תשעה באב זענען נישט אסור ביז ביינאכט, און אזוי אויך מעג מען זיצן הויך ביז עס ווערט נאכט.

מען טאר נישט אנגרייטן די תשעה-באב שיך ביז עס ווערט נאכט, און אזוי אויך זאל מען נישט איבערדרייען די בענק און אראפנעמען דאס פרוכת אין שוהל ביז נאכט.

אויך זאל מען נישט אנגרייטן דעם קינות ביז נאכט, אבער אויב מען איז מעיין דערין איז עס מותר.

### מוצאי שבת - ליל תשעה באב

מוצאי שבת דאווענט מען מעריב, און נאך "ברכו" טוט מען אויס די שיך און שבת'דיגע קליידער (כן המנהג בסקווירא). אנדערע פירן זיך אז מען קומט אין שוהל מיט די וואכעדיגע קליידער אנגעטון.

אויב מען האט שוין געזאגט "ברוך המבדיל", דארף מען תיכף אויסטון די שיך.

נאך מעריב, פאר "איכה", מאכט מען "בורא מאורי האש", אבער מען שמעקט נישט קיין בשמים. אויך די פרויען זאלן מאכן בורא מאורי האש.

אויב מען האט פארגעסן צו זאגן ביי שמו"ע "אתה חוננתנו" דארף מען זאגן "ברוך המבדיל" פאר בורא מאורי האש.

אויב מען האט נישט געמאכט "בורא מאורי האש", קען מען עס מאכן א גאנצע נאכט.

אויב מען האט פארגעסן צו זאגן "אתה חוננתנו", דארף מען נישט איבערדאווענען שמו"ע (כאטש מען מאכט נישט קיין הבדלה מוצ"ש), און מען קען זיך פארלאזן אויף הבדלה אויפ'ן כוס פון מוצאי תשעה באב.

מען זאגט נישט "ויהי נועם", "ויתן לך", "ג-ט פון אברהם" און די זמירות פון מוצ"ש.

מען פירט זיך נישט צוזאמענצולייגן דעם שבת'דיגן טלית ביז זונטאג נאך חצות.

אזוי אויך שווענקט מען נישט אפ די כלים פון די שבת'דיגע סעודות ביז זונטאג נאך חצות, אבער מען מעג אפריינערן דעם טיש ביינאכט.

### הבדלה

איינער וואס פאסט נישט תשעה באב דארף מאכן הבדלה פאר'ן עסן, און ער קען מוציא זיין אויך די בני בית וואס פאסטן. לכתחילה זאל ער מאכן הבדלה אויף "חמר מדינה" (א חשוב'ע געטראנק אין דעם לאנד), ווי קאווע, קאפוטשינא (cappuccino), אראנדזש דזשוס, אדער ביר. אויב עס איז שווער, קען מען מאכן הבדלה אויף גרעיפ דזשוס.

קינדער אונטער בר/בת מצוה מעגן לכתחילה עסן אָן הבדלה און זאלן הערן הבדלה מוצאי תשעה באב. א קינד וואס וויל מאכן הבדלה קען מוציא זיין אנדערע קינדער.

א יולדת און שוואכע פרויען וועלכע פאסטן נישט, זאלן מאכן הבדלה אויף קאווע, קאפוטשינא, אדער אראנדזש דזשוס, ווי-דערמאנט, און זיי זאלן זיין געווארנט צו טרינקען רוב פון א רביעית, וואס איז בערך צוויי אונצן. אויב עס איז זיי שווער צו מאכן הבדלה, קען מען מקיל זיין פאר זיי צו עסן אָן הבדלה און הערן הבדלה מוצאי תשעה באב.

א מאן, וואס זיין פרוי אדער קינדער פאסטן נישט, קען מאכן פאר זיי הבדלה און זיי קענען טרינקען דעם כוס און עסן, און אויך ער אליין איז יוצא דערמיט הבדלה.

### בזכות פון טרויערן אויפן חורבן כהלכה

דער "חתם סופר" שרייבט אין די דרשות, אז אין זכות פון טרויערן אויפ'ן חורבן בית המקדש ווי די הלכה, איז מען זוכה **אויפצושטעלן תלמידי חכמים**.

אין ספר "קב הישר" שטייט: "איך האב אן אמת'ע קבלה, אז יעדער וואס טרויערט אויף צער השכינה **איז זוכה צו כתר תורה**".

אין ספר "דרך החכמה" שטייט בשם ספר "קטורת המזבח", אז ווער עס טרויערט אויפ'ן חורבן הבית, ווערן זיינע עבירות פארגעבן, ער איז זוכה **צו אריכות ימים** און זיינע קינדער וועלן נישט שטארבן ביי זיין לעבן, ווי עס שטייט "יראה זרע יאריך ימים".

דער "בן איש חי" שרייבט, אז ווער עס וויינט און איז זיך מצער אויפ'ן חורבן, איז זיין שכר אז "**ביום רעה ימלטהו ה'**" (אין א צייט פון שלעכטס, וועט השי"ת אים ראטעווען).

מיט'ן מנדב זיין דעם גליון "הליכות החיים", האט איר די זכות הרבים פון **זעכציג טויזנט אידן** בליעה"ר. רופט: 845-659-1547

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת

הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170